NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05063

MAYN YIDISH BIKHELE

Pinhas Erlich

Permanent preservation of this book was made possible
by Murray Stark
in memory of
Daniel M. Stark

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס ערליך

מײַן ייִדיש בוכעלע

לערנבוך פֿאַרן ערשטן לערניאָר
(אינפֿעריאָר)

צוגעפּאַסט צום לערן־פּראָגראַם פֿון
ועד החינוך המרכזי

אילוסטרירט פֿון י. גראַנאַט

CONSEJO NACIONAL DE EDUCACION
Expediente Nº 1778 /64

פֿאַרלאַג ש. סגל
קאָריענטעס 2854 — בוענאָס איירעס

P. ERLICH

MAIN IDISH BIJELE

(MI LIBRITO IDISH)

LIBRO DE LECTURA INICIAL

EDITORIAL S. SIGAL
CORRIENTES 2854 BUENOS AIRES
1964

IMPRESO EN LA ARGENTINA
Hecho el depósito que establece la ley 11.723
Derechos reservados por el autor y la Editorial S. Sigal

Este libro se terminó de imprimir el día 28 de febrero de 1964 en los Talleres Gráficos CULTURA, Sarmiento 2157 - Buenos Aires





דער טאַטע די מאַמע



פּערעלע בערעלע

פּערעלע בערעלע



בערעלע זאָגט:

— מאַמע, דער טאַטע קומט.

פערעלע זאָגט:

— מאַמע, דער טאַטע קומט.

זאָגט די מאַמע:

— יאָ, יאָ, דער טאַטע קומט.

דער טאַטע קומט

דער טאַטע טראָגט אַ טעקע

בערעלע זעט,
דער טאַטע טראָגט אַ טעקע.
די מאַמע פרעגט:
— וואָס טראָגט דער טאַטע?
בערעלע זאָגט:
— דער טאַטע טראָגט אַ טעקע.

פּערעלע פרעגט

פּערעלע זעט,
דער טאַטע ברענגט אַ טעקע.
פרעגט פּערעלע:
— טאַטע, וואָס איז דאָ אין טעקע?
זאָג, טאַטע,

וואָס איז דאָ אין טעקע ?

אַלע פֿרעגן

בערעלע פֿרעגט,
פּערעלע פֿרעגט,
די מאַמע פֿרעגט,
אַלע פֿרעגן:
— וואָס איז דאָ אין טעקע, טאַטע?
— גוטער טאַטע, זאָג, זאָג,
וואָס איז דאָ אין טעקע?

דער טאַטע עפנט די טעקע

דער טאַטע עפנט די טעקע.
בערעלע קוקט,
פֿערעלע קוקט,
די מאַמע קוקט, —
דער טאַטע נעמט פון טעקע אַ ביכעלע,
דער טאַטע נעמט פון טעקע אַ ליאַלקע.

דער טאַטע זאָגט

— פֿאַר דיר, בערעלע, אַ ביכעלע,

— פֿאַר דיר, פּערעלע, אַ ליאַלקע.

די מאַמע זאָגט:

— פֿאַר מיר וואָס?

— פֿאַר דיר אַ וואַרעמע שאַל.

א גוטער טאַטע



אַ טישעלע, אַ בעטעלע

די מאַמע זאָגט:
— אָט איז אַ טישעלע, בערעלע,
דאָס ביכעלע ליגט אויפן טישעלע.
— אָט איז אַ בעטעלע, פּערעלע,
ליגט די ליאַלקע אין בעטעלע.



די ליאַלקע שלאָפֿט

די ליאַלקע ליגט אין בעטעלע,
די ליאַלקע שלאָפֿט.
פֿערעלע זינגט אַ לידעלע:
אַ־אַ, ליאַלקעלע,
קוקט אַ שיין ליאַלקעלע,
שלאָפֿט אַ שיין ליאַלקעלע,
שלאָפֿט, שלאָפֿט אין בעטעלע.



בערעלע טראַכט

עס איז נאַכט.
בערעלע טראַכט און טראַכט:
יאָ גיין שלאָפן, נישט גיין שלאָפן?
זאָגט די מאַמע:
— בערעלע, נישט געטראַכט!
זאָג אַ גוטע נאַכט,
לייג אַוועק דאָס ביכעלע
און שנעל אין בעטעלע.

גוט־מאָרגן

— גוט־מאָרגן, קינדער, זאָגט דער טאַטע.
— גוט־מאָרגן, קינדער, זאָגט די מאַמע.
— גוט־מאָרגן דיר, טאַטע,
גוט־מאָרגן דיר, מאַמע, —
זאָגן פּערעלע און בערעלע.

גוט־מאָרגן קינדער
זאָגן טאַטע־מאַמע



קומט קינדער עסן

זאָגט די מאַמע:
— קומט, קינדער, עסן,
קומט אַלע צום טיש עסן.
דער טאַטע זעצט זיך צום טיש.
די מאַמע זעצט זיך צום טיש.
בערעלע זעצט זיך צום טיש.
פּערעלע זעצט זיך צום טיש.
אַלע עסן.



אין שול

פּערעלע איז אין שול.

בערעלע איז אין שול.

די לערערין זאָגט:

— לאָמיר זינגען אַ לידעלע.

לאָמיר זינגען אַ יידיש לידעלע.

אַ ייִדיש לידעלע

קינדער, קינדער,
קומט אין שול.
פול מיט קינדער,
איז די שול.



לייענען און שרײַבן

אין שול לערנען קינדער.

אין שול לערנען ייִדישע קינדער.

די קינדער לייענען אין אַ ביכעלע.

די קינדער שרײַבן אין אַ העפט.

די קינדער לערנען ייִדיש.

גוטע קינדער

פערעלע און בערעלע
זײַנען גוטע קינדער.
גוטע קינדער זיצן שטיל.
אַלע קינדער זיצן שטיל.
אַלע קינדער לייענען.
אַלע קינדער שרײַבן.
די לערערין איז צופרידן.

גוטע קינדער זיצן שטיל



אַ פּויזע

אַ פּויזע, זאָגט די לערערין.
די קינדער גייען אַרוים אין הויף.
פּערעלע, בערעלע
און נאָך קינדער, שפּילן זיך אין הויף.

די קינדער שפּילן זיך אין הויף

נאָך אַ לידעלע

שוין נאָך דער פּויזע.
אַלע קינדער זיצן אין קלאַס.
די לערערין און די קינדער
זינגען נאָך אַ לידעלע:

אויפן טישל
ליגט אַ בוך,
נעם און עפן
נעם און זוך.

אַהיים

ביז מאָרגן, קינדער, זאָגט די לערערין.
ביז מאָרגן, ענטפֿערן אַלע קינדער.
אַלע קינדער שטייען אין הויף.
אַלע אין רייען.
אַט גייען שוין די קינדער אַהיים.
אין שול ווערט שטיל, שטיל...



פֿערעלע און בערעלע דערציילן

פֿערעלע דערציילט:

אין שול איז שיין. אין שול איז ריין.

בערעלע דערציילט:

אין שול האָבן מיר געשריבן.

אין שול האָבן מיר געלייענט.

אין שול האָבן מיר געזונגען

שיינע לידעלעך.

דער זיידע און די באָבע

אָ, דער זיידע גייט!

אָ, די באָבע קומט!

— גערוועז אין שול? — פרעגט דער זיידע.

— גערוועז אין שול? — פרעגט די באָבע.

— גערוועז, גערוועז, — זאָגט בערעלע.

— אַזאַ שיינע ייִדישע שול, —

זאָגט פערעלע.



דער זיידע דערציילט

אַ מאָל, אַ מאָל, איז אין אַ לאַנד געווען אַ שלעכטער קעניג.

— ווי אַזוי הייסט דאָס לאַנד? — פרעגט בערעלע.

— מצרים, — ענטפערט דער זיידע.

— און דער שלעכטער קעניג, ווי אַזוי האָט ער געהייסן? — פרעגט פערעלע.

— פּרעה, — זאָגט דער זיידע.

און דער זיידע דערציילט ווײַטער:

דאָס קליינע ייִנגעלע

איז געווען אַ קליין ייִנגעלע,
האָט מען אים גערופֿן משה.
האָט מען אים געוואָלט
אַריינוואַרפֿן אין טײַך.
האָט די מאַמע אים באַהאַלטן
אין אַ קעסטעלע.

אַ סדר

די שטוב איז שיין און ריין.

אַלע זיצן אַרום טיש.

מע עסט מצות און מע טרינקט וויַין.

מע מאַכט אַ סדר.

בערעלע פרעגט די פיר קשיות.

פּסח

פּערעלע לייענט פון העפט אַזאַ לידעלע:

פּסח, פּסח,
יום-טוב שיינער,
אַלע הײַזער
זײַנען ריינער.

ס' איז אונדזער פּסח
ליב אַלן טײַער,
ליב איז משה
דער באַפֿרײַער

עס איז שוין קאַלט

שוין אַוועק דער ליבער פּסח.
— עס איז שוין קאַלט, — זאָגט די מאַמע.
מע דאַרף קויפֿן וואַרעמע מאַנטעלעך,
זאָגט די מאַמע.
אַ וואַרעם מאַנטעלע פֿאַר בערעלען,
אַ וואַרעם מאַנטעלע פֿאַר פּערעלען.



אַ גוט שבת

הײַנט איז פֿרײַטיק.
דער טאַטע, בערעלע און פֿערעלע
קומען אַהיים צופֿרידענע,
בערעלע קומט מיט אַ נײַ
וואַרעם מאַנטעלע.
פֿערעלע קומט מיט אַ נײַ
וואַרעם מאַנטעלע.
אַ גוט־שבת, זאָגט דער טאַטע.
אַ גוט־שבת, זאָגן פֿערעלע און בערעלע.
אַ גוט־שבת אַלעמען, זאָגט די מאַמע.

אַרום דעם טיש

אַלע זעצן זיך אַרום דעם טיש.
אַלע זעצן זיך עסן.
פּערעלע און בערעלע
זינגען דאָס לידעלע:
אַרום דעם טיש
מע זעצט זיך אויס, —
דער שבת רוט
אין גאַנצן הויז.

אַ בריוו פון תל־אביב

נאָכן עסן זאָגט די מאַמע:

— בערעלע, גיב מיר דאָס בריוועלע
וואָס דו האָסט באַקומען היינט
פון תל־אביב.

און די מאַמע לייענט דאָס בריוועלע:

תל אביב, יום העצמאות
ליבע פערעלע און בערעלע:
מײַנע טאַטע – מאַמע און איך זײַנען
צופרידן וואָס מיר זײַנען אין ישראל.
מיר האָבן אַ שיינעם גאָרטן, איך אַרבעט
אין גאָרטן. אַלע אַרבעטן דאָ און בויען
דאָס לאַנד.
ווען קומט איר צו אונדז?
אײַער יאיר.



בערעלע ענטפערט אַ בריוועלע

די מאַמע דיקטירט בערעלען,
און בערעלע ענטפערט אַזוי:

בוענאָס איירעס

ליבער און טײַערער יאיר:
מיר האָבן דאָ געמאַכט אַ שיינעם יום-טוב,
מיר האָבן געפּײַערט יום-העצמאות,
איך האָב דעקלאַמירט דאָס לידעלע:

כ׳וועל אַ שיפל בויען

איך וויל דאָ פאַרטרויען
שטיל אַ סוד פאַר אײַך:
כ׳וועל אַ שיפל בויען
לאָזן אויפן טײַך.

ברענגען וועט אין גיכן
מיך מײַן קליינע שיף
מיטן ים־התיכון
גלײַך קיין תל־אביב.



נאָך אַ שײנער יום־טוב

שבועות

פּערעלע און בערעלע האָבן אויסגעפּוצט די שטוב
מיט בלימעלעך און צװײַגעלעך.
אין שטוב איז שײן און רײן. אין שטוב איז יום־טוב.
בערעלע האָט אויסגעמאָלן די לוחות מיט די צען געבאָט.
פּערעלע האָט אויסגעמאָלן אַ בילד װי מען טראָגט ביכורים.
פּערעלע און בערעלע פרײען זיך און זינגען:

נאָר אויף צװײ טעג
שבועות געקומען.
גײט ער אַװעק,
בלײַבן אונדז בלומען.



נאָך אַ שיין לידעלע

מיר טראָגן די ביכורים דאָ,
דאָס בעסטע פונעם לאַנד,
אין קיישעלעך און קערבעלעך,
אויף אַקסל און אין האַנט.



נײַע שיך

— מאַמע, זאָגט בערעלע, אין דרויסן רעגנט. עס איז קאַלט, איך דאַרף פאַר־ריכטן די שיך.

— איך אויך, זאָגט פערעלע.

— גוט, קינדער, קומט צום שוסטער.

לאָזן מיר זיך לויפן גיך
צו דעם שוסטער פאַרריכטן די שיך.
זאָגט די מאַמע צום שוסטער:
זי און ער און איך
דאַרפן פאַרריכטן די שיך.



בײַ דער שנײַדערין

מאַמע, זאָגט פּערעלע, דאָ נישט ווײַט,
וווינט אונדזער שנײַדערין האָדל.
לאָמיר אַרײַנגיין, אפשר האָט זי מיר שוין
אויפגענייט דאָס קליידעלע.
— גוט־מאָרגן, שנײַדערין האָדל,
זאָגן די מאַמע, בערעלע און פּערעלע.
— גוט־מאָרגן,
ענטפערט די שנײַדערין האָדל
און זינגט אַזאַ לידעלע:

אַ שנײַדערין איז האָדל
נייט זי מיט דער נאָדל
הייכעלעך און קליידעלעך
פֿאַר ייִנגעלעך און מיידעלעך.



פּערעלע נייט אויך

אַז פּערעלע איז געקומען אַהיים,
האָט זי אויך אָנגעהויבן נייען.
זי האָט גענומען פֿאָדעם
פֿון אַלערליי קאָלירן:
רויט, בלוי, ווײַס, שוואַרץ, גרין, געל
און האָט אויסגענייט אַ שיין טיכעלע,
אַ געשאַנק פֿאַר דער מאַמען.
— אַ דאַנק, טײַערע פּערעלע,
האָט געזאָגט די מאַמע.

דאָקטאָר הערצל און חיים־נחמן ביאַליק

אין שול האָט די לערערין דערציילט
וועגן דאָקטאָר הערצל און חיים־נחמן ביאַליק.
דאָקטאָר הערצל האָט געזאָגט:
ייִדן וועלן האָבן אַן אייגן לאַנד.
הײַנט הייסט דאָס לאַנד מדינת ישראל.



חיים־נחמן ביאַליק האָט געשריבן

אַ סך לידער, פאַר גרויסע און פאַר קליינע קינדערלעך.

אין איין לידעלע שרייבט ביאַליק:

„אוי, מיר זאָל מײַן, ייִדישע קינדערלעך,
פֿאַר אײַערע כּשרע איישעלעך"



אַ בריוועלע פון מאָזעסוויל

הײַנט האָט די לערערין געלייענט אַ בריוועלע.

דאָס בריוועלע האָט געשריבן אַ מיידעלע פון מאָזעסוויל:

ליבע קינדערלעך פֿון בוענאָס איירעס:
מײַן טאַטע איז אַ קאָלאָניסט.
איך וווין אין מאָזעסוויל.
מאָזעסוויל איז אַ ייִדיש שטעטעלע.
מיר האָבן אַ גרויסן הויף.
אין אונדזער הויף פֿליִען אַרום גענדזעלעך
און הינדעלעך.
מיר האָבן אַ קו און אַ קעלבעלע, אַ
גרויסן הונט און קליינע קעצעלעך.
איך פֿאַרבעט אײַך צו קומען קיין מאָזעסוויל.
אײַער ביילע



בערעלע דעקלאַמירט אַ לידעלע

— לערעריז, זאָגט בערעלע,
איך קען דעקלאַמירן אַ לידעלע.
— גוט, זאָגט די לערעריז, לאָמיר הערן:

קאָלאָניסטן

מיט די פליגל פּאַטשט דער האָן,
אַ גוט־מאָרגן זאָגט ער אָן;
קאָלאָניסטן שטייען אויף
און עס לעבט שוין אויף דער הויף.

מיט די פליגל פּאַטשט דער האָן,
אַ גוט־מאָרגן זאָגט ער אָן;
און זע נאָר זע, מיט וויפל פרייד
אַ קאָלאָניסט צום פעלד זיך גרייט.



— זייער אַ שיין לידעלע, בערעלע, — זאָגט די לערערין.
איצט וועל איך אַייך אויסלערנען דעקלאַמירן נאָך אַ לידעלע:

אַ קאָלאָניע

שטיבעלעך ווײַסע, אָפּגעקאַלכט,
נידעריק און קליין;
יעדער שטיבל אָפּגעזונדערט
שטייט פאַר זיך אַליין.

יעדער שטיבל אָפּגעזונדערט
שטייט פאַר זיך אַליין;
שטיבעלעך ווײַסע, אָפּגעקאַלכט,
נידעריק און קליין.

די גוטע נײַעס

די לערערין קומט אַרײַן אין קלאַס זייער אַ פרײלעכע און זאָגט:

איך האָב פאַר אײַך גוטע נײַעס, קינדער:
דער פרילינג איז געקומען,
זעט, עס שײַנט די זון שוין ווידער,
און די פײגעלעך אין גערטנער און פעלדער,
טאַנצן, שפרינגען און זינגען לידער.
און מיט פרייד דעקלאַמירן די קינדער:

דער פרילינג איז געקומען

עס בליִען די ביימער,
עס שפראָצן די בלומען,
צו אונדז איז דער פרילינג,
דער פרילינג געקומען.



רופט זיך אָן בערעלע:
— איר ווייסט, לערעריו, איך האָב געזען
זייער אַ סך פייגעלעך פליען.
האָבן אַלע קינדער געענטפערט:

— און ס'קומען און ס'קומען
די פייגל צוריק
מיט פריילעכע לידער:
טשיריק! טשיריק!

עס קומט שוין אָן דאָס נײַע יאָר

קומט נאָר אָן דער פרילינג
בליִען ביימער, בלומען.
אַ גוט יום־טוב, קינדער,
נײַ־יאָר איז געקומען.

די קינדער שיקן לשנה־טובהס

ערב ראש־השנה האָבן אַלע קינדער געמאָלן אין קלאַס לשנה־טובהס.

איינער האָט אויסגעמאָלן שיינע בלימעלעך, איינער אַ שופר, איינער אַ תורה, איינער אַ מגן־דוד, און איינער דעם עמבלעם פון מדינת ישראל.

פערעלע און בערעלע האָבן געשיקט לשנה־טובה־קאַרטלעך צום זיידן און צו דער באָבען, צו די פעטערס, צו די מומעס, צו די עלטערן, צו דער לערערין און צו אַלע חברים. און אַלעמען געווונטשן:

ל ש נ ה ־ ט ו ב ה !

אַ ג ו ט י אָ ר, אַ ג ו ט י אָ ר,
א ו ן ב ר כ ו ת אָ ן אַ צ אָ ל.



יום־כפור

ס׳בעט דער זיידע, ס׳בעט די באָבע,
ס׳בעטן טאַטע, מאַמע, קינד:
— גאָט געטרײַער, אין יום־כיפור
זײַ אונדז מוחל אַלע זינד!



דער זיידע מאַכט אַ סוכּה

קום נאָר, פּערעלע, וועסטו זען אַ שיינע זאַך.

פּערעלע לויפט אַרויס אין הויף:

— אָ, זעט נאָר אַ שיינע סוכּה!

מאַמע, מאַמע, רופט פּערעלע די מאַמען.

קום נאָר, מאַמע, וועסטו זען אַ שיינע זאַך.

די מאַמע לויפט אַרויס אין הויף:

— אָ, זעט נאָר אַ שיינע סוכּה!

זאָגט בערעלע, איר זעט וואָס אונדזער זיידע קען מאַכן?

די מאַמע, פּערעלע און בערעלע זינגען אָט דאָס לידעלע:

מײַן סוכּה

כ׳האָב אַ זיידע, אַלט און שוואַך,
נאָר ער מאַכט מיר יעדע זאַך;
מאַכט ער מיר אַ קליינע סוכה
און באַדעקט זי מיר מיט סכך.

שמחת־תורה

איך מיט דער תורה,

דו מיט דער פֿאָן.

זינגט, קינדערלעך, יעדער

ווי הויך נאָר ער קאָן.



די נאַציאָנאַלע סימבאָלן

די פאָן, דער הערב און די סקאַראַפּעלע זײַנען די נאַציאָנאַלע סימבאָלן פון אַרגענטינע.

די פאָן

דאָן מאַנועל בעלגראַנאָ האָט געשאַפן די שײנע װײַס־בלױע פאָן.

אומעטום זעט מען די אַרגענטינער פאָן.



דער הערב

דער הערב איז דער
סימבאָל פון אונדזער
פרײַהײַט און אונדזער
אייניקײַט.



די סקאַראַפּעלע

ווי אַ זומער־פייגעלע
ווײַס־בלוי,
ביסטו מײַן סקאַראַפּעלע
אויך ווײַס און בלוי.



בעלגראַנאָ און סאַן מאַרטין

אַלע קינדער אין שול האָבן געשריבן קאָמפּאָזיציעס וועגן בעלגראַנאָ און סאַן מאַרטין.

בערעלעס קאָמפּאָזיציע לייענט זיך אַזוי:

בעלגראַנאָ און סאַן מאַרטין האָבן געלעבט אין איין צײַט.

ביידע האָבן געקעמפט פאַר דער באַפרײַונג פון אַרגענטינע.

סאַן מאַרטין האָט אויך באַפרײַט טשילע און פּערו.



דער 9טער יולי

מיר האָבן געפּײַערט דעם נײַנטן יולי מיט אַ סך פרייד.

דער דירעקטאָר פון שול האָט געזאָגט:

דער טוקומאַנער קאָנגרעס וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט דעם נײַנטן יולי פון יאָר 1816, האָט פּראָקלאַמירט די אַרגענטינער זעלבסטשטענדיקײַט.

מיר האָבן אַפּלאָדירט און אויסגערופן:

זאָל לעבן אונדזער פאָטערלאַנד!

HIMNO NACIONAL ARGENTINO

(LAS ESTROFAS QUE SE CANTAN)

Oíd mortales el grito sagrado
¡Libertad! ¡Libertad! ¡Libertad!
Oíd el ruido de rotas cadenas
Ved en trono a la noble igualdad

Ya su trono dignísimo abrieron
Las Provincias Unidas del Sud
Y los libres del mundo responden:
¡Al gran pueblo argentino salud!

CORO

Sean eternos los laureles
Que supimos conseguir
Coronados de gloria vivamos
O juremos con gloria morir.

דער הימן

(די סטראָפן וואָס מע זינגט)



דער 25סטער מײַ

פּערעלע און בערעלע האָבן זיך שיין פאַרפּוצט, און זיי גייען פריילעכע אין שול אַרײַן.

אין שול איז יום־טוב, עס איז דער 25סטער מײַ.

עס איז דער יום־טוב פון דער אַרגענטינער פרײַהײַט.

אין שול זינגט מען דעם אַרגענטינער הימן:

פרײַהײַט!

פרײַהײַט!

פרײַהײַט!

די קינדער גרייטן צו אַן אויסשטעלונג

אין ערשטן קלאַס איז פרייליך. אַלע תלמידים אַרבעטן.

אַלע תלמידים גרייטן צו די אויסשטעלונג פון סוף שול־יאָר.

בערעלע, פערעלע און נאָך אַ גרופּע קינדער האָבן געמאַכט אַ שיינע וואַנט־צייטונג.

אַנדערע קינדער האָבן געצייכנט אויפן טאָוול אַ גרויסע חנוכה־מנורה.

עטלעכע תלמידים דעקאָרירן דעם ערשטן קלאַס און שטעלן אויס אַלע זאַכן אין אָרדענונג.

אין הויף אויפן טאָוול איז געשריבן אַזוי:

מאָרגן עפנט זיך די אויסשטעלונג פון ערשטן קלאַס.

אַלע קינדער, לערערס און עלטערן זיינען פאַרבעטן.



דער לעצטער שול־יום־טוב

די אויסשטעלונג איז אַלעמען געפעלן געוואָרן, אַלע זײַנען געקומען צו אונדזער שול־יום־טוב.

אַלע קינדער זײַנען צופרידן, דער דירעקטאָר איז צופרידן, די לערערס זײַנען צופרידן.

דער יום־טוב איז אַ שיינער.

די קינדער פון אונדזער קלאַס שטעלן פאָר אַ שיינע סצענע פון חנוכה. אויף דער בינע זעט מען די גרויסע חנוכה־מנורה וואָס די קינדער האָבן געמאַכט צו דער אויסשטעלונג.

איין מיידעלע האָט דעקלאַמירט דאָס לידעלע:

ביז איבעראַיאָר

עס קלאַפּן די הערצער מיט אומעט און פרייד,
פון לערער, חברים איז שווער דער צעשייד;
עס טראָגן זיך ווונטשן: פאַרברענגט גוט ביז גאָר,
ביז איבעראַיאָר, ביז איבעראַיאָר!

פערעלע און בערעלע האָבן זיך געזעגנט מיט די לערערס
און מיט אַלע קינדער.
פערעלע און בערעלע האָבן געוויינט און געזאָגט:
ביז איבעראַיאָר...


JUJUY
SALTA
FORMOSA
CATAMARCA
TUCUMAN
SANTIAGO
DEL
ESTERO
CHACO
MISIONES
CORRIENTES
LA RIOJA
SANTA
FE
SAN JUAN
CORDOBA
ENTRE
RIOS
SAN
LUIS
MENDOZA
BUENOS AIRES
LA PAMPA
NEUQUEN
RIO NEGRO
CHUBUT
SANTA
CRUZ
TERR. NAC. DE TIERRA DEL FUEGO
ANTÁRTIDA E ISLAS DEL ATLÁNTICO SUR
ISLAS MALVINAS
TERR. NAC. DE TIERRA DEL FUEGO
ANTÁRTIDA E ISLAS DEL ATLÁNTICO SUR
TERR. NAC. DE TIERRA DEL FUEGO
ANTÁRTIDA E ISLAS DEL ATLÁNTICO SUR

אַ וואָרט צו די לערערס

מיט יאָרן צוריק איז דערשינען — שוין אין עטלעכע אויפלאַגעס — דאָס לערנביכל „בלימעלעך", אויף וועלכן טויזנטער יידישע קינדערלעך (כן ירבו) האָבן זיך דערצויגן אין יידישן לשון. דאָס ביכעלע אָבער האָט שוין אָפּגעדינט זיין צייט.

קומען מיר איצט מיט אַ נײַ לערנביכל: „מיין יידיש ביכעלע", באַשטימט פאַר אָנהייבערס פון די יידישע שולן.

„מיין יידיש ביכעלע" איז געבויט אויף דעם „וו י ז ו ע ל ן" אָדער ווי מען רופט דאָס אין שפּאַניש „אידעאָוויזועלן" אָדער „גלאָבאַלן מעטאָד", וואָס ווערט אָנגעווענדט אין די אַמעריקאַנער „פּאָבליק סקולס", אין דער אַרגענטינער מלוכהשער פאָלקשול און ווי עס ווערט בכלל פּראַקטיצירט אין די פּראָגרעסיווע שולן ביי די אומות-העולם. לויט דעם מעטאָד לערנען זיך די קינדער אויס לייענען גאַנצע ווערטער און זאַצן.

די באַקאַנטע אַרגענטינער פּעדאַגאָגין בעאַטריס גאַלימבערטי דע קאָנטעראַ, אויטאָרין פון בוך „דער גלאָבאַלער מעטאָד", שרייבט אינעם זעלבן לערך אַזוי: „וואָס שייך די מיטלען פון אויסלערנען לייענען און שרייבן זיינען אַלע מעטאָדן גוט ווען זיי ווערן אָנגעווענדט מיט ערלעכקייט, ערנסטקייט און אויפריכטיקייט". מיר האָבן אויסגעקליבן דעם גלאָבאַלן מעטאָד, ווייל מיר האַלטן, אַז דער וועג פירט שנעלער און זיכערער צו אויסגעצייכנטע רעזולטאַטן. פיל יאָרן פּראַקטיק האָבן דאָס באַשטעטיקט.

„מיין יידיש ביכעלע" איז געבויט אויף אַ מעשהלע פון איין כסדרדיקן פאָדעם פון פּאַסירונגען, ווי די העלדן זיינען צוויי קינדער — אַ שוועסטערל און אַ ברודערל, — וואָס געפינען זיך אין אַן אייגענער, נאַטירלעכער און לעבעדיקער סביבה פון טאַטע-מאַמע, זיידע-באָבע, לערער און חברים. אַ לעבעדיקע קינדישע אַטמאָספער גענומען פון אמתן קינדער-לעבן, מיט שטענדיקער אַרבעט און אַקטיוויטעט פון: לייען, שרייב, צייכן, זינג און דעקלאַמיר.

ביים צוזאַמענשטעלן דאָס טעקסט-ביכעלע האָבן מיר אין זינען געהאַט אַז די לעקטורן זאָלן זיין לייכטע, אַז דער וואָקאַבולאַר זאָל זיך אָפט איבערחזרן, אַז די קינדער זאָלן הנאה האָבן פון לייענען און זיין נייגעריק, צוליב דעם סיפור המעשה, צו וועלן ווייטער לייענען. און כדי די קינדער זאָלן געדענקען דאָס געלייענטע, איז יעדער עפּיזאָד באַגלייט מיט אַ קורץ לידעלע צו דעקלאַמירן, אַזוי וועט זיך דעם קינדס מויל וואָס גיכער און מיט ווייניק אָנשטרענגונג זיך צוגעוווינען צו יידישע קלאַנגען.

דאָס מעשהלע און די לידעלעך זענען געשריבן, ווי די לערער וועלן זען, אין אַ פּשוטער, גרינגער, היימיש-גערעדטער און נאַטירלעכער שפּראַך.

יעדע לעקציע איז אילוסטרירט מיט אַ פּאַסיק בילד וואָס קען גוט אויסגענוצט ווערן ווי אַן אַריינפיר-שמועס צו דער געהעריקער לעקציע.

קענענדיק די פאַקטישע באַדינגונגען פון אונדזערע שולן, איז דאָס לערנביכל אויסגערעכנט אויף אַ מינימום ווערטער און אַז עס זאָל גענוי קלעקן פאַרן גאַנצן לערניאָר.

ווי אַן אַריינפיר צו „מיין יידיש ביכעלע" ווערט צוגעגעבן אַ ספּעציעלע ב י ל אַ ג ע געבויט אויפן אַנאַליטיש סינטעטישן מעטאָד, שטענדיק מיט די זעלבע צוויי קינדער-העלדן ב ע ר ע ל ע און פּ ע ר ע ל ע און מיט זייער קינדער-סביבה. די לערער וואָס וועלן די ביילאַגע באַטראַכטן פאַר נייטיק און נוצלעך וועלן זיך מיט איר לייכט באַניצן.

עס איז אונדז לסוף אָנגענעם האַרציק צו באַדאַנקען די אינספּעקטאָרן פון ועד החינוך המרכזי, די שול-דירעקטאָרן און לערערינס (ספּעציעל פון די אָנהייבער-קלאַסן), פאַר זייער איבערקוקן דעם טעקסט, פאַר זייערע פּאַסיקע באַמערקונגען, פאַר זייער פריינדלעכער און וואַרעמער דערמוטיקונג דאָס אַרויסצוגעבן.

באַזונדערס פיל איך פאַר אַן אָנגענעמער פליכט צו באַדאַנקען דעם גרויסן און באַקאַנטן פּעדאַגאָג פּראָפעסאָר יודל מאַרק, וואָס איז בשעתו געווען דער קולטור-גאַסט פון יידיש-אַרגענטינער ישוב, פאַר זיין פריינדלעכער אויפמערקזאַמקייט צו דעם לערנביכל און מחבר, פאַר זיין פּינקטלעכן איבערקוקן (אין ניו-יאָרק) דעם מאַנוסקריפּט, פאַר זיין מקפּיד זיין אויף יעדן וואָרט און פאַר זיינע אָן אַ שיעור קאָנסטרוקטיווע פּאַכמענישע אָנווייזונגען און עצות, וועלכע מיר האָבן אַלע לויט אונדזערע באַדינגונגען און מעגלעכקייטן גענומען, מיט דאַנק, אין אַכט.

אַ דאַנק קומט אויך דעם באַקאַנטן צייכענער י. גראַנאַט, וואָס האָט מיט אַזוי פיל התמדה באַשיינט מיט זיינע פּאַסיקע צייכענונגען דעם טעקסט.

אַ באַזונדערן דאַנק דעם פאַרלאַג סיגאַל פאַר דער געניטער אויפזיכט און טעכנישן ביישטייער ביים דרוקן „מיין יידיש ביכעלע".

ד ע ר   מ ח ב ר